ניי-געבוירן סקרינינג

# פאר אייער קינד'ס געזונטהייט



NEW YORK STATE | Department of Health

## פארוואס ווערט מיין קינד גע׳טעסט?

צו העלפן פארזיכערן אז אייער קינד וועט זיין די געזונטסטע מעגליך. די בלוט טעסט שטעלט צו אינפארמאציע וועגן אייער קינד׳ס געזונטהייט וואס איר און אייער דאקטער וואלט אנדערשווייז מעגליך נישט געוואוסט. דער ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם (Newborn Screening Program) אידענטיפיצירט קינדער וואס האבן מעגליך איינס פון עטליכע זעלטענע, אבער מעגליך-צו-באהאנדלען קראנקהייטן וואס ווייזן נישט גלייך קיין סימפטאמען. מיט פריע דיאגנאזיס און מעדיצינישע באהאנדלונג, קען ערנסטע קראנקהייט, און אפילו טויט, אפטמאל פארמיטן ווערן, דעריבער איז זייער וויכטיג פאר אונז צו טעסט׳ן אייער קינד׳ס סעמפל און באריכטן די רעזולטאטן פאר אייער קינד׳ס דאקטער. פרעגט אייער קינד׳ס דאקטער פאר אייער קינד׳ס רעזולטאטן.

## איז ניי-געבוירן סקרינינג ניי?

ניין. יעדער סטעיט האט א ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם. דער ניו יארק סטעיט פראגראם איז געפירט דורך די פובליק געזונטהייט געזעץ, און האט זיך אנגעהויבן אין 1965. געוויסע קראנקהייטן קענען אפעקטירן א קינד זייער פרי אין לעבן - אפילו אין די ערשטע פאר טעג. צייטליכע טעסטינג און דיאגנאזיס איז וויכטיג פאר באהאנדלונגען צו ארבעטן דאס בעסטע.

## פאר וויפיל קראנקהייטן ווערט מיין קינד גע׳טעסט?

דער נומער איז ארויף פון איינס אין 1965 צו מער פון 45 היינט. זיי זענען אויסגערעכנט אין דעם ביכל. כאטש וואס די קראנקהייטן זענען זעלטענע, האבן 1 אין 300 קינדער געבוירן אין ניו יארק יעדן טאג איינע פון די קראנקהייטן. מערסטנס פון די קראנקהייטן זענען ערנסט און קענען אפילו זיין פאטאל. געוויסע קענען אפשוואכן א קינד׳ס אנטוויקלונג, פאראורזאכן אינטעלעקטועלע דיסאביליטיס, פארמערן א קינד׳ס ריזיקע פאר אינפעקציע, אדער פאראורזאכן אנדערע פראבלעבען אויב אומבאמערקט און אומבאהאנדלט.

**דעריבער:**

## פריע באהאנדלונג איז זייער וויכטיג!

## אבער מיין קינד זעט אויס זייער געזונט. זענען די טעסטס נאכאלץ נויטיג?

יא. מערסטנס קינדער מיט א קראנקהייט אידענטיפיצירט דורך דער ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם ווייזן נישט קיין סימפטאמען פון די קראנקהייט גלייך נאכן געבורט און זעען אויס געזונט. מיט די ספעציעלע לאבאראטארי טעסטס, קענען מיר אידענטיפיצירן א קינד וואס קען מעגליך האבן איינע פון די קראנקהייטן און זאגן פארן קינד׳ס דאקטער וועגן די נויטיגקייט פון נאך טעסטס און ספעציעלע קעיר. מערסטנס מאל, איז זייער וויכטיג אנצוהויבן באהאנדלונג איידער אייער קינד ווייזט סימפטאמען אדער ווערט קראנק. אסאך פון די קראנקהייט זענען גענעטיש, און זיי זענען אריבערגעפירט דורך דער קינד׳ס עלטערן.

יעדע קינד האט צוויי פאר גענעס - איינס פון זייער מאמע און איינס פון זייער טאטע. געוויסע מאל האט נאר איין פאר גענעס א פראבלעם, אבער וויבאלד דער אנדערע פאר האט נישט, איז דאס קינד נישט קראנק. די קינדער ווערן אנגערופן קעריערס (אריבערפירערס). כאטש וואס די קינדער זענען נישט קראנק, מיינט דאס אז כאטש איינס אדער געוויסע מאל ביידע פון זייער עלטערן זענען אויך קעריערס. ניי-געבוירן סקרינינג טעסטס קענען אידענטיפיצירן קעריערס פאר געוויסע גענעטישע קראנקהייטן עטליכע מאל, אבער די פראגראם איז נישט געמאכט צו טרעפן **אלע** קעריערס. *עס איז וויכטיג צו באקומען גענעטישע קאונסעלינג אויב אייער קינד האט א קעריער רעזולטאט וויבאלד*

*מערסטנס עלטערן וועלכע זענען קעריערס וויסן דאס נישט. קאונסעלארס קענען אייך העלפן פארשטיין די אינפארמאציע.*

## אבער קינדער פון אונזער פאמיליע האבן קיינמאל נישט געהאט איינע פון די געזונטהייט פראבלעמען.

עלטערן וועלכע האבן שוין געהאט געזונטע קינדער ערווארטן נישט קיין פראבלעמען, און זיי זענען כמעט אלעמאל גערעכט. אבער עס איז נאכאלץ דא א מעגליכקייט אז אייער ניי-געבוירן קינד קען האבן איינע פון די קראנקהייטן. יעדע פון די קראנקהייטן זענען זייער זעלטן, און די מעגליכקייטן זענען אויסגעצייכנט אז אייער קינד וועט נישט האבן איינס פון זיי, אבער אלס אינאיינעם האט 1 אין 300 קינדער געבוירן אין ניו יארק יעדן טאג יא איינס פון זיי. א נעגאטיווע ניי-געבוירן סקרין פאר אייער ניי-געבוירן קינד מיינט נישט אז אייערע צוקומפטיגע קינדער וועלן אויך זיין נעגאטיוו. געוויסע קינדער און עלטערן קענען זיין קעריערס פאר קראנקהייטן אפילו אויב קיינער אין אייער פאמיליע האט נישט דעם קראנקהייט. אסאך פאמיליעס גייען פאר גענעטישע קאונסעלינג צו בעסער פארשטיין די ריזיקעס פאר זייערע צוקומפטיגע קינדער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער. *עס איז אויך וויכטיג צו געדענקען אז ניי-געבוירן סקרינינג טרעפט נישט אלע קינדער וואס זענען קעריערס פאר די גענעטישע קראנקהייטן.* די טעסטס זענען געמאכט צו טרעפן רוב קינדער מיט די גענעטישע קראנקהייטן.

## וויאזוי ווערט מיין קינד גע׳טעסט?

אלע טעסטס ווערן אדורכגעפירט אויף א קליינע סעמפל פון בלוט וואס ווערט גענומען דורך שטעכן דאס קינד׳ס פיס-פלאך. דאס בלוט ווערט געלייגט אויף א ספעציעלע פילטער פאפיר. דאס סעמפל ווערט געווענליך גענומען ווען דאס קינד איז איינס אדער צוויי טעג אלט. דאס סעמפל ווערט געשיקט פאר טעסטינג צום לאבאטאריע ביים סטעיט העלט דעפארטמענט אין אלבאני.

## וועל איך באקומען די טעסט רעזולטאטן?

מאכט זיכער צו זאגן פארן נורס אין שפיטאל דער נאמען און אפיס אינפארמאציע פאר אייער קינד׳ס דאקטער אדער קליניק. דער דאקטער וועט געמאלדן ווערן די רעזולטאטן און וועט זיך גלייך פארבינדן מיט אייך אויב עפעס איז נישט אין ארדענונג. צו מאכן זיכער, פרעגט וועגן די רעזולטאטן ווען איר ברענגט אייער קינד צו די דאקטער אדער קליניק פאר זיין אדער איר ערשטע טשעק-אפ. דער שפיטאל נורס זאל אייך געבן א פינקע צעטל, וואס וועט אייך זאגן וויאזוי צו באקומען די טעסט רעזולטאטן פון אייער קינד׳ס דאקטער.

## אויב אלע טעסטס זענען סקרין-נעגאטיוו, מיינט דאס אז מיין קינד וועט זיין געזונט?

די ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם זוכט נאר אפאר פון פילע קראנקהייטן וואס א קינד קען האבן. אין צוגאב, קענען געוויסע קינדער מיט די קראנקהייטן מעגליך נישט אידענטיפיצירט ווערן צוליב עטליכע סיבות. איר זאלט ברענגען אייער קינד צו די דאקטער אדער קליניק פאר אלע זייערע טשעק-אפס. האלט אלעמאל אן אויג אויף אייער קינד פאר אום-ערווארטענע סימפטאמען אדער אויפפירונג, און רופט דער דאקטער זאפארט אויב זאכן זעען נישט אויס ריכטיג.

א נעגאטיווע ניי-געבוירן סקרין פאר אייער ניי-געבוירן קינד מיינט נישט אז אייער צוקומפטיגע קינדער וועלן נישט האבן א קראנקהייט. אויך, ניי-געבוירן סקרינינג טרעפט נישט אלע קינדער וואס זענען קעריערס פאר די גענעטישע קראנקהייטן. קעריערס האבן איין גענע מוטאציע אבער זענען געזונט. קינדער און זייערע עלטערן קענען זיין קעריערס אן קיין פאמיליע

## 1 אין 300 קינדער געבוירן יעדן טאג אין NYS האט איינס פון די גע'סקרינ'טע קראנקהייטן!

היסטאריע פון א קראנקהייט. אסאך פאמיליעס גייען פאר גענעטישע קאונסעלינג צו בעסער פארשטיין קראנקהייט און קעריער ריזיקעס פאר זייערע צוקומפטיגע קינדער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער.

### מיינט א "ווידער טעסט" אז מיין קינד האט מעגליך א קראנקהייט?

נישט דווקא. ווידער טעסטינג קען זיין נויטיג פאר עטליכע סיבות. דאס מערסט באקאנטע איז אז די בלוט איז נישט ריכטיג געלייגט געווארן אויפן ספעציעלע פילטער פאפיר. געווענליך מיינט דאס נישט אז עפעס איז נישט אין ארדענונג מיט אייער קינד. עס מיינט פשוט אז נאך א בלוט סעמפל מוז גענומען ווערן ווי אמשנעלסטן.

ווען די ערשטע טעסט רעזולטאטן שלאגן פאר א פראבלעם, זענען די רעזולטאטן נישט גערעכנט אלס באשטעטיגט ביז די סקרינינג טעסטס ווערן נאכאמאל אדורכגעפירט. דאס פאדערט א נייער בלוט סעמפל. אין אלגעמיין, וועט א דאקטער אדורכרעדן די נויטיגקייט פאר ווייטערדיגע דיאגנאסטישע טעסטינג נאך נאך א קינד'ס צווייטער סקרין איז אויך אבנארמאל. אין זייער זעלטענע פעלער, וויבאלד א קראנקהייט קען פאראורזאכן א קינד צו ווערן זייער קראנק שנעל, וועט דער דאקטער גלייך באהאנדלען דאס קינד בשעת'ן ווארטן פאר די רעזולטאטן פון די צווייטע סעריע פון טעסטס. אויב איר ווערט געבעטן צו ווידער טעסט'ן אייער קינד, ביטע ברענגט אייער קינד ווי אמשנעלסטן, כדי די ווידער טעסט זאל קענען געטון ווערן זאפארט, צו באשטימען אויב אייער קינד דארף באהאנדלונג.

### וואס איז אויב מיין קינד האט איינע פון די קראנקהייטן?

די גע'טעסט'ע קראנקהייטן האבן אלע באהאנדלונגען וואס קענען פארמינערן די אויסקומען פון די קראנקהייט.

צומאל קענען די סימפטאמען אינגאנצן פארמיטן ווערן אויב א ספעציעלע דיעטע אדער אנדערע מעדיצינישע באהאנדלונג ווערט אנגעהויבן פרי. מערסטנס פון די קראנקהייטן זענען זייער שווער צו באהאנדלען, און מעדיצינישע באהאנדלונג זאל אויסגעארבעט ווערן דורך א דאקטער וואס צייכנט זיך אויס אין דעם ספעציפישן קראנקהייט.

### אויב מיין קינד האט א קראנקהייט, וועלן מיינע צוקומפטיגע קינדער עס האבן?

דאס ווענדט זיך אין די קראנקהייט. מערסטנס פון די קראנקהייטן זענען גענעטיש און אריבערגעפירט צו די קינדער דורך די עלטערן. א נעגאטיווע ניי-געבוירן סקרין מיינט נישט אז אייערע צוקומפטיגע קינדער וועלן נישט האבן דעם קראנקהייט. אויך, ניי-געבוירן סקרינינג טרעפט <u>נישט</u> אלע קינדער וואס זענען קעריערס פאר די גענעטישע קראנקהייטן. קעריערס האבן איין גענע מוטאציע און זענען געזונט. קינדער און זייערע עלטערן קענען זיין קעריערס אן קיין פאמיליע היסטאריע פון דעם קראנקהייט. אסאך פאמיליעס גייען פאר גענעטישע קאונסעלינג צו בעסער פארשטיין פארוואס זייער קינד האט באקומען דעם קראנקהייט, און צו פארשטיין קראנקהייט און קעריער ריזיקעס פאר זייערע צוקומפטיגע קינדער און אנדערע פאמיליע מיטגלידער. געוויסע קראנקהייטן זענען נישט

אריבערגעפירט פון די עלטערן. צום ביישפיל, קאנדזשעניטעל הייפאטייראדיסם (congenital hypothyroidism) האט אסאך אורזאכן, אין די צייט וואס HIV אינפעקציע איז פאראורזאכט דורך א ווירוס, נישט קיין גענע מוטאציע.

## פארוואס ווערט מיין קינד גע'טעסט פאר HIV?

מיר טעסט'ן דאס קינד פאר HIV אנטיי-באדיס. אויב די טעסט איז פאזיטיוו, מיינט דאס אז די מאמע האט די ווירוס און מיר ווילן פארזיכערן אז די קינד איז נישט אנגעשטעקט מיט דעם ווירוס. HIV קען אריבערגעפירט ווערן דורך אן אנגעשטעקטע מאמע צו איר קינד איידער עס ווערט געבוירן, בשעת'ן געבורט אדער פון זייגן. אין NYS, ווערן מערסטס טראגעדיגע פרויען גע'טעסט פאר HIV איידער דאס קינד ווערט געבוירן. אין בעסטן פאל, זאל די מאמע באקומען מעדיצין דורכאויס די שוואנגערשאפט און לעיבאר צו באשיצן דאס קינד פון די HIV אינפעקציע.

## וויפיל וועלן די טעסטס מיר קאסטן?

גארנישט. די טעסטס ווערן דורכגעפירט אומזיסט פאר פאמיליעס.

## וואיזוי קען איך עס מאכן גרינגער פאר דער דאקטער צו העלפן מיין קינד?

ערשטנס, מאכט זיכער צו זאגן פארן נורס אינעם שפיטאל וואו אייער קינד איז געבוירן דער נאמען פון אייער קינד'ס דאקטער כדי מיר זאלן זיך קענען פארבינדן מיטן דאקטער אויב נויטיג. אויב איר טוישט אייער דאקטער, לאזט אונז וויסן דורך אונז אימעיל'ן אדער רופן (זעט די הינטערשטע זייט פון דעם ביכל). אויב אייער דאקטער בעט אייך צו ברענגען אייער קינד פאר א ווידער טעסט, טוט דאס ווי אמשנעלסטן. אויב אייער קינד ***האט יא*** א קראנקהייט, איז פלינקע שריט זייער וויכטיג.

אויב איר האט נישט קיין טעלעפאן, גיבט אייער דאקטער די טעלעפאן נומער פון איינער וואס קען זיך זאפארט פארבינדן מיט אייך. אויב איר גייט אריבער א דירה באלד נאך אייער קינד ווערט געבוירן, לאזט אייער דאקטער אדער קליניק גלייך וויסן אייער נייעם אדרעס און טעלעפאן נומער. דאן וועט אייער דאקטער וויסן וואו אייך צו דערגרייכן אויב אייער קינד דארף נאך טעסטס אדער באהאנדלונג.

***געדענקט, צייט איז זייער וויכטיג.*** אלס א מאמע/טאטע, קענט איר מאכן זיכער אז די ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם פארזיכערט אז אייער קינד איז די געזונטסטע מעגליך דורך מאכן זיכער אז אייער קינד'ס דאקטער ווייסט וויאזוי אנצוקומען צו אייך.

***זייט אינפארמירט:* באקומט אייער קינד'ס ניי-געבוירן סקרינינג רעזולטאטן פון זיין אדער איר דאקטער!**

**זעט אונזער וועבסייט פאר אסאך מער אינפארמאציע אויף ניי-געבוירן סקרינינג.**

# קראנקהייטן אידענטיפיצירט דורך דער ניו יארק סטעיט ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם

| גרופע | | קראנקהייטן |
|---|---|---|
| ענדאקרינאלאגיע (Endocrinology) | | קאנדזשעניטעל אדרענאל הייפערפלאזיע (Congenital adrenal hyperplasia, CAH) |
| | | קאנדזשעניטעל הייפאטייראדיסם (congenital hypothyroidism, CH) |
| העמאטאלאגיע, העמאגלאבינאפאטיס (Hematology, Hemoglobinopathies) | | Hb SS קראנקהייט (סיקל סעל ענימיע, Sickle cell anemia) |
| | | Hb SC קראנקהייט |
| | | Hb CC קראנקהייט |
| | | אנדערע העמאגלאבינאפאטיס (hemoglobinopathies) |
| אנשטעקיגע קראנקהייטן | | HIV איוסגעשטעלטקייט |
| אריינגעבוירענע פראבלעמען פון מעטאבאליזם (Inborn Errors of Metabolism) | אמינא אסיד (Amino Acid) קראנקהייטן | האמאסיסטינוריע (Homocystinuria, HCY) |
| | | הייפערמעטיאנינעמיע (Hypermethioninemia, HMET) |
| | | מעיפל סירופ יורין קראנקהייט (Maple syrup urine desease, MSUD) |
| | | פענילקעטאנוריע (Phenylketonuria, PKU) און הייפערפענילאלאנינעמיע (Hyperphenylalaninemia) (הייפערפע, HyperPhe) |
| | | טיראסינעמיע (Tyrosinemia) (TYR-I, TYR-II, TYR-III) |
| | פעטיגע אסיד אקסידאציע (Fatty Acid Oxidation) קראנקהייטן | קארניטין-אסילקארניטין טראנסלאקעיס דעפישענסי (Carnitine-acylcarnitine translocase deficiency, CAT) |
| | | קארניטין פאלמיטוילטראנספערעיס I (CPT-I) און II (CPT-II) דעפישענסיס (Carnitine palmitoyltransferase I (CPT-I) and II (CPT-II) deficiencies) |
| | | קארניטין אפטעיק דיפעקט (Carnitine uptake defect (CUD)) |
| | | 2,4-דיאנויל CoA רעדוקטעיס דעפישענסי (2,4די) (2,4-Dienoyl-CoA reductase deficiency (2,4Di)) |
| | | לאנגע-קייט 3-הידראקסיאסיל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי (Long-chain 3-hydroxyacyl-CoA dehydrogenase deficiency (LCHAD)) |
| | | מעסיגע-קייט אסיל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי (Medium-chain acyl-CoA dehydrogenase deficiency (MCAD)) |
| | | מעסיגע-קייט קעטאאסיל-CoA טיאלעיס דעפישענסי (Medium-chain ketoacyl-CoA thiolase deficiency (MCKAT)) |
| | | מעסיגע/קורצע-קייט הידראקסיאסיל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי (Medium/short-chain hydroxyacyl-CoA dehydrogenase deficiency (M/SCHAD)) |
| | | מייטאקאנדריעל דריי-פונקציע פראטעין דעפישענסי (Mitochondrial trifunctional protein deficiency (TFP)) |
| | | פילפאכיגע אסיל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי (Multiple acyl-CoA dehydrogenase deficiency (MADD)) אויך באקאנט אלס גלוטארישע אסידעמיע טיפ II (Glutaric acidemia type II (GA-II)) |
| | | קורצע-קייט אסיל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי (Short-chain acyl-CoA dehydrogenase deficiency (SCAD)) |
| | | זייער לאנגע-קייט אסיל-CoA דיהיידראגאנעיס דעפישענסי (Very long-chain acyl-CoA dehydrogenase deficiency (VLCAD)) |

| גרופע | | קראנקהייט |
|---|---|---|
| אריינגעבוירענע פראבלעמען מיט מעטאבאליזם (Inborn Errors of Metabolism) | ארגאנישע אסיד (Organic Acid) קראנקהייטן | גלוטארישע אסידעמיע טיפ I (Glutaric acidemia type I (GA-I)) |
| | | 3-הייִדראקסי-3-מעטילגלוטאריל-CoA לייעיס דעפישענסי<br>(3-Hydroxy-3-methylglutaryl-CoA lyase deficiency (HMG)) |
| | | 2-מעטילבוטיריל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי<br>(Isobutyryl-CoA dehydrogenase deficiency (IBCD)) |
| | | אייסאוואלערישע אסידעמיע (Isovaleric acidemia (IVA)) |
| | | מאלאנישע אסידעמיע (Malonic acidemia (MA)) |
| | | 2-מעטילבוטיריל-CoA דיהיידראגענעיס דעפישענסי<br>(2-Methylbutyryl-CoA dehydrogenase deficiency (2-MBCD)) |
| | | 3-מעטילקראטאניל-CoA קארבאסיילעיס דעפישענסי<br>((3-MCC) Methylcrotonyl-CoA carboxylase deficiency) |
| | | 3-מעטילגלוטאקאנישע אסידעמיע<br>(Methylglutaconic acidemia (3-MGA)) |
| | | 2-מעטיל-3-הייִדראקסייביוטירול-CoA דיהיידראודזשענעיס דעפישינסי<br>(2-Methyl-3-hydroxybutyryl-CoA dehydrogenase deficiency (MHBD)) |
| | | מעטילמאלאניל-CoA מיוטעיס דעפישינסי<br>(Methylmalonyl-CoA mutase deficiency (MUT)), קאויבאלאמין A,B<br>(Cobalamin A,B (Cbl A,B)) און קאובאלאמין C,D<br>(Cobalamin C,D (Cbl C,D)) קאויפעקטער דעפישינסיס<br>(cofactor deficiencies) און אנדערע מעטילמאלאנישע אסידעמיעס<br>(Methylmalonic acidemias (MMA)) |
| | | מייטאקאנדריאל אסעטאויאסעטיל-CoA טייאוילעיס דעפישינסי<br>(בעטא-קעטאויטייאוילעיס דעפישינסי) (BKT)<br>(Mitochondrial acetoacetyl-CoA thiolase deficiency)<br>(Beta-ketothiolase deficiency) (BKT) |
| | | מאלטיפל קארבאסיילעיס דעפישינסי<br>(Multiple carboxylase deficiency (MCD)) |
| | | פראויפיאניק אסידעמיע (Propionic acidemia (PA)) |
| | יוריע סייקל (Urea Cycle) קראנקהייטן | ארדזשינינעמיע (Argininemia (ARG)) |
| | | ארדזשינינאויסוקסיניק אסידעמיע (Argininosuccinic acidemia (ASA)) |
| | | סיטראלינעמיע (Citrullinemia (CIT)) |
| אנדערע גענעטישע קראנקהייטן | | אדרענאוילוקאוידיסטראפיע (Adrenoleukodystrophy (X-linked)) |
| | | בייאויטינידעיס דעפישענסי (Biotinidase deficiency (BIOT)) |
| | | סיסטיק פיבראויסיס (Cystic Fibrosis (CF)) |
| | | גאלאקטאסעמיע (Galactosemia (GALT)) |
| | | גוואנידינאויאסיטעיט מעטילטראנספירעיס דעפישינסי<br>(Guanidinoacetate methyltransferase deficiency (GAMT)) |
| | | קראבע (Krabbe) קראנקהייט |
| | | מיוקופאליסאכארידאסיס טיפ I<br>(Mucopolysaccharidosis type I, MPS I) |
| | | פאמפע (Pompe) קראנקהייט |
| | | ערנסטע צאמגעשטעלטע אימיונא-דיפישענסי קראנקהייט<br>(Severe Combined Immunodeficiency Disease, SCID) |
| | | ספיינעל מוסקולאר אטראפי (Spinal muscular atrophy, SMA) |

פאר נאך אינפארמאציע איבער דער ניו יארק סטעיט ניי-געבוירן סקרינינג טעסטינג פראגראם און די קראנקהייטן אין דעם פאנעל ביטע באזוכט אונזער וועבסייט אויף
**www.wadsworth.org/programs/newborn**

דער ניו יארק סטעיט ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם איז א סערוויס צועשטעלט דורך דער סטעיט געזונטהייט דעפארטמענט צו פאמיליעס מיט ניי-געבוירן קינדער.

וויכטיג: פראגעס וועגן ניי-געבוירן סקרינינג?
דארפט אונז לאזן וויסן אינפארמאציע וועגן אייער קינד׳ס דאקטער?
שרייבט, רופט אדער באזוכט אונזער וועבסייט:


ניי-געבוירן סקרינינג פראגראם (Newborn Screening Program)
Wadsworth Center
New York State Department of Health
P.O. Box 22002
Albany NY 12201-2002

**אימעיל:** nbsinfo@health.ny.gov

www.wadsworth.org/programs/newborn


*טייערע עלטערן,*

*אייער קינד׳ס סעמפל(ס) וועט געהאלטן ווערן דורך דער ניי־געבוירן סקרינינג פראגראם פאר ביז 27 יאר אונטער פארזיכערטע אומשטענדן וואו צוטריט איז שטרענג קאנטראלירט. אויב נויטיג, קען דער סעמפל(ס) ווערן גענוצט פאר דיאגנאסטישע צוועקן פאר אייער קינד מיט אייער צושטימונג. א טייל פון די סעמפל וועט אויך אפגעטיילט ווערן פון אלע אינפארמאציע וואס קען מעגליך אידענטיפיצירן אייער קינד און קען גענוצט ווערן אין פובליק געזונטהייט פארשונג וואס איז איבערגעקוקט געווארן און באשטעטיגט געווארן דורך א באורד פאראנטווארטליך מיטן פארזיכערן אויספאלג מיט אלע גילטיגע געזעצן און עטישע אנווייזונגען. איר קענט אראנדזשירן צו האבן אייער קינד׳ס סעמפל(ס) פארניכטעט אדער פארמיטן פון עס נוצן אין פובליק געזונטהייט פארשונג דורך רופן 473-7552 (518) פאר אנווייזונגען. איר קענט באזוכן אונזער וועבסייט פאר מער אינפארמאציע אדער צו דאונלאוד׳ן א קאפיע פון די בויגן וואס מיר דארפן צו איינהאלטן אייער שריפטליכן פארלאנג. באמערקונג: אויפן פארלאנג, וועלן מיר אינגאנצן פארניכטן ביישפילן. מיר קענען דאס נישט טון ביז 8 וואכן פון דעם געבורט.*

NEW YORK STATE | Department of Health